**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דרייוון אונטער דראג איינפלוס פארמיידונג און אינפארסירונג קאמפיין אום 4/20**

***גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע טרענירט אפיצירן צו אידענטיפיצירן דרייווערס אונטער איינפלוס פון דראגס און אלקאהאל***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג וועלן פארמערן פאטראלן און ציהלן דרייווערס אונטער דראג איינפלוס דורכאויס אן אינפארסירונג און פארמיידונג קאמפיין אום אפריל 20.

"דרייוען אונטער די איינפלוס פון דראגס איז א זינלאזע, געפארפולע באשלוס וואס שטעלט יעדן איינעם אין סכנה אויף אונזערע גאסן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו פארמיידן די טויטליכע קאנסעקווענצן, זעצט זיך נישט אריין הונטערן רעדל און מאכט שטענדיג זיכער צו האבן א פלאן וויאזוי צו אנקומען אהיים זיכערערהייט."

די סטעיט פאליציי, דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) און די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) דערמאנען דרייווערס אז דרייוון אונטער די איינפלוס פון דראגס און אלקאהאל, אריינרעכענענדיג קאנאביס, איז נישט בלויז סכנות'דיג נאר אויך אומלעגאל אין ניו יארק סטעיט.

די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע פירט אן דעם 'דראג דערקענונג עקספערטן' (Drug Recognition Experts, DRE) טרענירונג פראגראם וואס טרענירט אפיצירן צו דערקענען דרייווערס וועלכע זענען אונטער די איינפלוס פון דראגס אדער אלקאהאל. די GTSC האט אפגעהאלטן זעקס DRE טרענירונגען אין 2022, צוברענגענדיג נאך 99 DRE אפיצירן, ברענגענדיג די סך הכל צו 432 איבערן סטעיט, אריינרעכענענדיג 134 סטעיט טרופערס. די ציהל פון די GTSC איז צו פארגרעסערן די צאל פון טרענירטע אפיצירן איבערן סטעיט צו 550 ביז די ענדע פון 2023.

אין צוגאב איז יעדער סטעיט טרופער פארלאנגט זיך צו באטייליגן אין 'פארגעשריטענע שיכור'ע דרייוען אויף זייט פון די ראוד אינפארסירונג' (Advanced Roadside Impaired Driving Enforcement, ARIDE) טרענירונג וואס נעמט נישט אריין אלעס וואס די DRE טרענירונג לערנט אויס, אבער עס גיבט פאר געזעץ אינפארסירונג אפיצירן נאך כלים צו קענען אבזערווירן, אידענטיפיצירן און ארויסברענגען די סימנים פון איינפלוס פון דראגס און אלקאהאל. 749 פאליציי אפיצירן איבערן סטעיט האט פארענדיגט די ARIDE טרענירונג.ביידע פארגעשריטענע טרענירונג קלאסן ווערן צוגעשטעלט דורך די GTSC.

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "דרייוען אונטער דראג איינפלוס פאראורזאכט טויזנטע פארוואונדעטע און געהרג'טע יעדעס יאר. צום

באדויער אנערקענען בלויז ווייניג מענטשן די סכנות פונעם דרייווען א קאר אונטער די איינפלוס פון דראגס. אפילו אויב איר פילט פיין זאלט איר זיך נישט אריינזעצן הונטערן רעדל. די ניו יארק סטעיט פאליציי דערמאנט אלע דרייווערס אז כאטש באנוץ מיט קאנאביס פאר הנאה פאר ערוואקסענע איז לעגאל איז עס נאכאלץ אומלעגאל צו דרייווען אונטער די איינפלוס דערפון."

**דעפּארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס קאמישאנער און GTSC פארזיצער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "דרייווען אונטער די איינפלוס איז 100 פראצענט פארמיידליך. כאטש באנוץ פון קאנאביס דורך ערוואקסענע איז לעגאל, איז דרייווען אונטער די איינפלוס דערפון נישט. זיך אריינזעצן הונטערן רעדל נאכן נוצן קאנאביס קען פארלענגערן די צייט ווי לאנג עס נעמט אייך צו רעאגירן, עס פארשוואכט אייער קאארדינאציע און אייער מעגליכקייט צו מאכן שנעלע באשלוסן, שטעלנדיג דערמיט אייך, אייערע פאסאזשירן און אנדערע דרייווערס אין סכנה. די קאנסעקווענצן קענען זיין טויטליך. אויב איר נוצט קאנאביס, דרייווט נישט אונטער די איינפלוס דערפון. מאכט א פלאן צו קענען בלייבן אוועק פון די ראוד."

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסענדער, האט געזאגט,** "עס איז איינפאך: דרייווט נישט נאכן נוצן קאנאביס. עס איז געווען סכנות'דיג און קעגן די געזעץ בעפאר קאנאביס איז לעגאליזירט געווארן אין ניו יארק סטעיט, און עס איז נאכאלץ סכנות'דיג און קעגן די געזעץ היינט."

די פאראייניגטע שטאטן טראנספארטאציע דעפּארטמענט'ס נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע (National Highway Traffic Safety Administration, NHTSA) גיבט די פאלגנדע זיכערהייט טיפּס און דערמאנט דרייווערס איבער די סכנות פון דרייווען אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל און קאנאביס:

- אויב איר פלאנירט צו איינעמען קאנאביס, דרייווט נישט. באשטימט איינער וואס זאל בלייבן ניכטער און נישט נוצן און דרייווען אדער נוצט פובליק טראנספארטאציע אדער א טעקסי סערוויס א.ד.ג. איינער וואס איז אונטער די איינפלוס פון דראגס קען נישט מאכן באשלוסן איבערן דרייווען; דאס איז די סיבה פארוואס עס איז קריטיש צו מאכן א פלאן פון פאראויס.
- לויט די NHTSA איז די פראצענט פון דרייווערס וועלכע זענען געהרג'עט געווארן אין עקסידענטן און קאנאביס איז געפונען געווארן אין טעסטס זיך כמעט געטאפלט צווישן 2009 און 2018.
- אין 2018 האבן 46 פראצענט פון דרייווערס וועלכע זענען געהרג'עט געווארן אין עקסידענטן און זענען געטעסט געווארן פאר דראגס געטעסט פאזיטיוו.
- עס מאכט נישט אויס וועלכע נאמען איר נוצט דערפאר: אויב א מענטש פילט אביסל 'הויעך', 'באָזד', 'סטאָונד', 'נישט מיט אונז', 'שיכור' אדער 'אנגעטרונקען' — ער אדער זי איז אונטער די איינפלוס און זאל זיך קיינמאל נישט אריינזעצן הונטערן רעדל.
- אין יעדע סטעיט און טעריטאריע פון די פאראייניגטע שטאטן איז עס אומלעגאל צו דרייווען אונטער די איינפלוס פון דראגס — און קיין אויסנאם.
- אפגעזעהן פון אויב די דראג איז לעגאל אדער נישט, איז דאס דרייווען אונטער די איינפלוס פון דראגס א סכנה פארן דרייווער, פאר די פאסאזשירן און פאר אנדערע אויפן ראוד.
- אויב איר מיינט אז דרייווען אונטער די איינפלוס וועט אייך נישט שאטן האט איר א טעות: עס איז געוויזן געווארן אז קאנאביס קען פארלענגערן די צייט ווי לאנג עס נעמט צו רעאגירן, עס שוואכט אפ די שטארקייט פון די מוח פונקציאנירונג און מאכט דאס שווערער פאר דרייווערס צו בלייבן אין א סטאבילע פאזיציע אין זייער לעין.
- אייער בעסטע שוץ-מיטל קעגן אנדערע דרייווערס אונטער די איינפלוס אויפן ראוד איז אייער סיטבעלט. בינדט עס צו יעדע מאל וואס איר פארט ארויס און מאכט זיכער אז אייערע פאסאזשירן טוהען אויך אזוי.

**די פרייז פון דרייווען אונטער די איינפלוס**

- א באשולדיגונג פון דרייווען אונטער די איינפלוס קען אייך אפקאסטן $10,000 אין קאסטן פאר אן אדוואקאט, קנסות, געריכט קאסטן, פארלוירענע צייט ביים ארבעט, העכערע אינשורענס ראטעס, באצאלונגען פארן אוועקשלעפן די קאר, און נאך.
- אויב איר ווערט געכאפט ביים דרייווען אונטער די איינפלוס פון סיי וועלכע מאטעריאל וואס האט א השפעה אויפן מוח, קענט איר זיצן דערפאר אין טורמע.
- דרייווען אונטער די איינפלוס פון דראגס קען אייך פאראורזאכן צו פארלירן אייער דרייווער'ס לייסענס און קאר. דאס קען אייך אפשטעלן פון אנקומען צו די ארבעט, פאראורזאכנדיג פארלוירענע געהאלטן און מעגליך פארלירן אייער דזשאב.

**מאכט א פלאן פאר א זיכערע רייזע**

- אויב איר האט איינגענומען א מאטעריאל וואס האט א השפעה אויפן מוח ווי קאנאביס, דרייווט נישט. פאסאנזשירן זאלן קיינמאל נישט פארן מיט א דרייווער וואס איז אונטער די איינפלוס. אויב איר טראכט אז א דרייווער איז מעגליך אונטער די איינפלוס, זעצט זיך נישט אריין אין די קאר.
- אויב איר זענט אונטער די איינפלוס פון דראגס, גיבט איבער די שליסלעך פאר א ניכטערער דרייווער וואס קען אייך דרייווען זיכערערהייט צו אייער דעסטינאציע. פונקט ווי דרייווען אנגעטרונקענערהייט, איז דאס קריטיש אז דרייווערס אונטער די איינפלוס זאלן זיך צוריקהאלטן פון דרייווען א קאר. עס איז קיינמאל נישט בסדר צו דרייווען בשעת'ן זיין אונטער די איינפלוס פון סיי וועלכע מאטעריאל.
- האט איר א פריינט וואס וויל זיך אריינזעצן און דרייווען בשעת'ן זיין אונטער די איינפלוס פון דראגס? נעמט אוועק זייערע שליסלעך און אראנזשירט זיי א זיכערע וועג אהיים. זארגט זיך נישט אז זיי וועלן זיין ברוגז אויף אייך — זיי וועלן אייך באדאנקען שפעטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418